Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# A ṭoyṭ di ḳanibaln!

Markiš, Perec D.
מארקיש, פערעץ

Moskve, 1941

זײַנ מוט איז העכער פור די שטערנ

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-7280

Visual Library

# זײַן מוט איז העכער פֿון די שטערן!

ס׳וועט מער ווי ביזן צענטן דאָר
זיך רײַסן מיטן לעצטן אָטעם, —
אַז ס׳זאָל די זון ניט לויכטן דאָרט,
ווו איר וועט ווען-עס-איז אַ טראָט טון!

פֿון אָפּפֿאַל — פֿעטקייט ווערט געבראַכט,
פֿון מיסט — באַגיסיקט זיך דער באָדן;
דער ערד צעעפֿענען איר טראַכט
פֿאַר אײַער לײַב זאָל זײַן פֿאַרבאָטן!

אַפֿ בערגלעך אַש — דער אומגליק וואַכט,
און שטערן אין דער הייך — צעשאָטן;
ניט אָפּשטיין זאָל פֿון אײַך די נאַכט,
ניט פֿאַלן זאָל פֿון אײַך קיין שאָטן!

פֿאַר מאָרד פֿון קינדער — גרויס און קליין,
פֿאַר מאָרד פֿון מאַמעס און פֿון זקיינים
זאָל רינשטאָק זײַן די לעצטע היים
און אײַער גײַסט זאָל ער באַקרוינען!

צום באַרג זיך רײַסט אַ יעדער טאָל,
און לידער ליכטיקע זיך הערן;
— עס לעבט דאָס לאַנד, עס לעבט דאָס פֿאָלק,
זײַן מוט איז העכער פֿון די שטערן!